טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

# מאמר התחזקות

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

שנה ז | גליון 103 | חנוכה תשפ"ג לפ"ק

ספעציעלע רובריק ~ לכבוד חנוכה ~


## קילורין לעינים

יסודות'דיגע שאלות אין שמירת עינים, אויסגעקלארט דורך משפיעים מפורסמים

הרה"ג המשפיע
רבי **בערל גורעלניק** שליט"א

## ווען דער רצון איז שטערקער ווי דער שכל | חלק א'

**פראגע:**

ס'איז דא אסאך עצות אין די ספרים הק' אויף שמירת עינים, וואס מ'זאל טראכטן בשעת א נסיון זיך צו קענען מתגבר זיין.

מיין שאלה איז, די אלע עצות זענען וואס דער שכל זאל טראכטן. למעשה צומאל שפירט מען ווי די תאווה ברענט מורא'דיג שטארק, דער רצון צו קוקן וועלטיגט איננאנצן איבער דעם מענטש, און דער כח השכל איז נישט גענוג שטארק בייצוקומען די תאוות הלב. וואס איז די עצה און הדרכה אין אזא פאל?

**ענטפער:**

### מ'שרייבט א בוך

איידער מיר קומען צו צו דער שאלה זעלבסט, לאמיר מקדים זיין א כלליות'דיגע נקודה וועגן שמירת עינים.

ס'איז געווען א איד **ר' אליעזר נאַנעס ז"ל**, א געהויבענער חב"ד'סקער חסיד, וועלכער האט געשמאכט אין סיביר צוואנציג יאר און ער האט דארט געהאלטן אידישקייט מיט מסירת נפש ממש. ער האט זיך מוסר נפש געווען נישט מחלל שבת צו זיין, אכטונג געגעבן אויף כשרות, נישט געגעסן קיין חמץ פסח, און אזוי האט ער זיך ממש געשלאגן מיט די רשעים און נישט מוותר געווען אויף קיין שום זאך דורכאויס די גאנצע צוואנציג יאר, איינשטעלנדיג דאס לעבן צענדליגער מאל. שפעטער האט ער ארויסגעגעבן א בוך "סאָבּאָטאַ", ווייל אזוי האט מען אים גערופן דארט אין לאגער, צוליב וואס ער האט קיינמאל נישט געארבעט שבת, וויבאלד סאָבּאָטאַ איז שבת אויף רוסיש.

נאכדעם וואס ער איז ארויסגעקומען פון רוסלאנד, איז ר' אליעזר נאַנעס געווען דא אין אמעריקע אויף א שטיק צייט. האט ער זיך דעמאלט אויסגעדריקט פאר איינעם, אז די אלע סיפורים פון מסירת נפש אין רוסלאנד זענען טאקע געווען זייער שווער, אבער דער נסיון פון שמירת עינים וואס איז דא אין אמעריקע זיך דרייענדיג אויף די פארנומענע גאסן איז נאך גרעסער ווי די אלע נסיונות!

די נקודה פון דעם איז מסתמא ווייל ס'איז א תמידות'דיגער נסיון. ס'איז נישט אן איינמאליגער נסיון, נאר ס'איז טאג נאך טאג, יעדעס מאל מיט אן אנדערן קנייטש, מיט אנדערע שטיקלעך וואס דער יצר הרע מאכט עס. האט ער עדות געזאגט אז דאס איז א גרעסערער נסיון ווי די גרויסע נסיונות צו היטן אידישקייט אין רוסלאנד.

לאמיר זיך פארשטעלן ווען ר' אליעזר נאַנעס האט מיטגעמאכט זיינע גרויסע נסיונות אין רוסלאנד, אז ער וואלט דעמאלט געוואוסט אז איין טאג גייט ער שרייבן א בוך מיט די אלע מעשיות, וואו ס'וועלן ארויסגעברענגט ווערן אלע נסיונות און מסירת נפש, אינאיינעם מיט אלע סייעתא דשמיא וואס ער האט זוכה געווען. ווי אנדערש וואלט דער נסיון געווען וויסנדיג אז די מעשה וואס פאסירט יעצט גייט נאך איין טאג געדרוקט ווערן אין א ספר. ווי גרעסער און שווערער דער נסיון איז געווען, אלץ שענער וואלט עס געמאכט די מעשה וואס מ'גייט שפעטער שרייבן,

‹‹‹


## תוכן הגליון

**קילורין לעינים:**

הרה"ג המשפיע ר' בערל גורעלניק שליט"א ___ זייט 1-4

**לכבוד חנוכה:**

א בעיבי מיט געזונטע אויגן ___ זייט 5

**החכם עיניו בראשו** ___ זייט 6

**עין בעין יראו** ___ זייט 6

**מי כעמך ישראל** ___ זייט 6


## זכות הוצאת הגליון

נתנדב ע"י הרבני הנגיד
הרה"ח ר' **אהרן שאול סאנדעל** הי"ו
**העומד לימין המערכת בכל עת ועונה**
לרגל נשואי בנו הבה"ח כמר **מאיר דוב** ני"ו למז"ט
עב"ג בת הרה"ח ר' **שלמה הכהן שעהנברוין** הי"ו
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה ועומדים מול נסיונות הזמן בתוקף ועוז תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב, בני בריכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא, פרנסה בהרחבה גדולה, והצלחה בכל מעשה ידיו, והזיווג יעלה יפה ויזכו לבנות בית נאמן בישראל אמן.

## נטפי תנחומין

הננו בזה לשגר כוס תנחומין ולהשתתף בצערו של ידידינו העומד לימין המערכת בכל עת ובכל זמן ספרא רבה
הר"ר **משה יודא יואל ווייס** הי"ו
היושב בעמק הבכא על פטירת אביו היקר
ה"ה ידידינו עוז הרה"ח
ר' **ברוך חיים ארי'** ב"ר מרדכי **ווייס** ז"ל
מנהל ומייסד סגולת הרשב"י
**ומשותפי טהור עינים**
המקום ינחם אותך בתוך שאר אבלי ציון וירושלים ושלא ישמע עוד שוד ושבר בגבולינו אמן

און אלץ מער טעם וואלט עס געגעבן צו דעם סיפור.

מיר דארפן וויסן אז פון אונזערע אלע נסיונות - וואס ר' אליעזר נאַנעס ז"ל זאגט עדות אז זיי זענען נאך גרעסער ווי יענע נסיונות - גייט נאך איין טאג געשריבן ווערן א ספר. ס'מוז נישט זיין אז דער ספר וועט געשריבן ווערן בשעת מיר זענען נאך דא אויף דער וועלט, אבער אין הימל ווערט געשריבן אזא ספר, און לעתיד לבוא וועט דאס ארויסקומען לאור עולם. דעמאלט וועט נתגלה ווערן וואס האט אויפגעהאלטן כלל ישראל אלע יארן אין גלות, די אלע סיפורי מופת וואס אידן האבן זיך מוסר נפש געווען אין דעם טיפן לאנגן גלות. דארט וועט ווערן געשילדערט יעדער סיפור, יעדע מסירת נפש באזונדער. מיט דעם בליק האט מען אינגאנצן אן אנדערן צוגאנג צו דעם נסיון, און ווי שווערער דער נסיון איז, אלץ שענער איז דער סיפור וואס גייט זיין געדרוקט אין יענעם ספר!

## ווען ראובן וואלט געוואוסט

דאס קען זיין א כוונה אין מדרש (ילקוט שמעוני רות תר"ד), אז ווען ראובן וואלט געוואוסט אז די תורה וועט שרייבן אויף אים וַיִּשְׁמַע רְאוּבֵן וַיַּצִּלֵהוּ מִיָּדָם, וואלט ער גענומען יוסף'ן אויף זיינע אקסלען און געטראגן צו זיין טאטן יעקב. ווען אהרן וואלט געוואוסט אז די תורה וועט שרייבן אויף אים וְרָאֲךָ וְשָׂמַח בְּלִבּוֹ, אז ער האט זיך געפרייט אין הארצן פאר דער גדולה וואס משה רבינו באקומט, וואלט ער ארויס קעגן אים בתופים ובמחולות. ווען בועז וואלט געוואוסט אז דער פסוק וועט שרייבן אויף אים וַיִּצְבָּט לָהּ קָלִי, וואלט ער געגעבן פאר רות געשטאפטע קעלבלעך.

די נקודה פון דעם קען זיין אז ראובן האט געשפירט ווי ער שטארקט זיך אויף א נסיון; די ברידער האלטן אנדערש ווי אים און ער גייט קעגן דעם שטראם. דאס זעלבע אהרן הכהן האט געהאט א נסיון אין דעם, גיין צו א אינגערן ברודער מיט א שמחה און עין טובה בשעת ער באקומט די גאנצע גדולה. ס'ווערט גערעכנט פאר א נסיון, ווי מ'זעט אז אהרן האט באקומען א געוואלדיגן שכר פאר דעם, ער האט באקומען דעם אורים ותומים. לערנען אונז חז"ל אז ס'איז דא נאך א וועג צוצוגיין צו א נסיון. ווען ראובן וואלט געוואוסט אז דא קומט א ספר, ס'גייט שטיין אין דער תורה די גבורה וואס ער האט עומד געווען בנסיון, דעמאלט ווי גרעסער דער נסיון איז ווערט עס נאר חשוב'ער - אה, דער סיפור ווערט שענער און מורא'דיגער!

דאס גיבט אן אנדערן בליק אויפ'ן גאנצן צוגאנג צו א נסיון. נסיונות זענען נישט קיין דורכפאל, נסיונות איז א מתנה וואס דער אויבערשטער גיבט. דורכדעם וואקסן מיר, דורכדעם קומען ארויס די כוחות הנפש, און דורכדעם קומט ארויס די ליבשאפט צום אויבערשטן. אלע אבות הקדושים האבן געהאט נסיונות, און אָן דעם קען מען נישט עקזיסטירן. אוודאי טארן מיר זיך נישט אליין ברענגען נסיונות, אבער דאס איז דער סדר החיים, יעדער איינער מוז האבן נסיונות. און מ'זאל וויסן בשעת'ן נסיון, יא, ס'איז שווער, אבער דאס איז א חלק פון א שיינער מעשה אינעם ספר!

**ווי אנדערש וואלט דער נסיון געווען וויסנדיג אז די מעשה וואס פאסירט יעצט גייט נאך איין טאג געדרוקט ווערן אין א ספר. ווי גרעסער און שווערער דער נסיון איז געווען, אלץ שענער וואלט עס געמאכט די מעשה וואס מ'גייט שפעטער שרייבן, און אלץ מער טעם וואלט עס געגעבן צו דעם סיפור.**

דאס איז א כלליות'דיגער בליק אויפ'ן גאנצן נסיון פון שמירת עינים.

## א בהלה אין פעטערבורג

יעצט לאמיר צוגיין צו דער שאלה. ס'איז באקאנט אז שאלת חכם חצי תשובה, דאס מיינט אז אין א ריכטיג-געפרעגטער שאלה קען מען פון דעם אליין ארויסנעמען א חלק פון דער תשובה. לאמיר פרובירן זען פון דער שאלה אליין אַפּאָר לימודים וואס זענען נוגע און קען אונז אסאך העלפן.

די ערשטע זאך איז, ווי ארויסגעברענגט, אז בשעת נסיון ארבעט נישט שכל. דעמאלט איז אלעס רגש, אלעס רצון, און דער שכל האט נישט די שטארקייט דאס בייצוקומען. אבער טאקע וועגן דעם, אויב מ'אנערקענט דאס, איז זייער וויכטיג בשעת מ'האלט נאך פאר דעם נסיון, בשעת מ'האט נאך יא די קלארקייט אין דעם שכל, זאל מען זיך דעמאלט אנגרייטן. מ'זאל זיך דעמאלט בויען, אנטוויקלען דעם ריכטיגן בליק פאר'ן נסיון, און דאס וועט אוודאי העלפן בשעת דער נסיון קומט אן.

איך האב אמאל געהערט א משל דערוועגן פון מורי ורבי **דער מאנטשעסטער ראש ישיבה זצ"ל**, רבי יהודה זאב סג"ל, וואס פלעגט ניצן דעם משל בכלליות אויפ'ן ענין פון לערנען מוסר:

ס'איז געווען אמאל א איד אין ווארשע, לאמיר אים רופן ר' חיים, וועלכער האט זיך געגרייט צו פארן קיין פעטערבורג צו ערלעדיגן עטליכע ענינים. ער האט געמאכט זיין פלאן אז גלייך נאך שבת פארט ער קיין פעטערבורג. דארט אין ווארשע איז געווען נאך א איד, ר' משה, און א דאנערשטאג איידער ר' חיים האט געדארפט פארן האט זיך ר' משה דערוואוסט פון ר' חיים'ס געפלאנטער נסיעה. ר' משה האט געהאט ביי זיך א וויכטיגע מעדיצין וואס האט דרינגנד געדארפט אנקומען צו א משפחה אין פעטערבורג, ממש פיקוח נפש, און דא הערט ער אז עמיצער אין זיין שטאט פארט פונקט אהין. גייט ער אריבער צו ר' חיים, און פרעגט אים צי ס'איז ריכטיג אז ער פארט קיין פעטערבורג.

"יא," ענטפערט ר' חיים. "אי"ה גלייך זונטאג אינדערפרי לאז איך מיך ארויס אויפ'ן וועג."

"גוט," זאגט ר' משה. "איך האב א מעדיצין, גאר א וויכטיגע מעדיצין, וואס מוז אנקומען קיין פעטערבורג. וואלסטו עס געקענט מיטנעמען מיט דיר?"

"פארוואס נישט, בתשואת חן!"

"אה, ר' חיים!" רופט ער אויס פריילין. "איר טוט מיר אזא טובה, איר גיבט מיר אזא רואיגקייט! ס'איז דאך אזוי וויכטיג ס'זאל אנקומען דארט. איר זענט טאקע זיכער אז איר וועט דאס קענען צוטראגן?"

"יא, אוודאי, איך וועל עס קענען טון אי"ה."

דאנערשטאג ביינאכט ביי מעריב קומט ר' משה צו צו ר' חיים אין ביהמ"ד. "א גוטן, ר' חיים. איך וויל אייך נאר זאגן אז ס'איז ממש גאר וויכטיג. די ערשטע זאך איר קומט אן קיין פעטערבורג, טראגט דאס צו צו דעם און דעם אדרעס. זיי קוקן ארויס אויף דעם בכליון עינים, מ'דארף עס אזוי שטארק האבן!"

פרייטאג אינדערפרי ביים דאווענען טרעפט אים ר' משה נאכאמאל. "איך וויל אייך נישט סתם מוטשען, ר' חיים, איך וויל פשוט ארויסברענגען ווי וויכטיג דאס איז ס'זאל אנקומען אין דער ערשטער געלעגנהייט. ס'איז ממש א לעבנספראגע. איך בעט אייך, די ערשטע זאך איר קומט אָן אהין טראגט דאס צו."

# קילורין לעינים

הרה"ג המשפיע
רבי **בערל גורעלניק** שליט"א

פרייטאג נאכמיטאג ביי דער מקוה טרעפט ער אים נאכאמאל. "אנטשולדיגט, ר' חיים, אז איך באדער אייך, אבער איך וויל איר זאלט פארשטיין אז ס'איז ממש וויכטיג שבוויכטיג. איך בעט אייך, ממש די ערשטע מינוט."

פרייטאג צונאכטס נאכ'ן דאווענען, "גוט שבת, ר' חיים! אה, די רואיגקייט און עונג שבת וואס איר גיבט מיר! אבער געדענקט טאקע, די ערשטע זאך, גלייך ווען איר קומט אן קיין פעטערבורג!"

אזוי האט זיך עס איבערגע'חזר'ט שבת אינדערפרי, שבת ביי מנחה, און מוצאי שבת נאך מעריב. זונטאג אינדערפרי קלאפט ר' משה אריין און ברענגט אים דאס פעקל. "איך וויל אייך בעטן, ר' חיים, אך הפעם. ס'איז פשוט וויכטיג וויכטיג, די ערשטע זאך איר קומט אן טראגט עס אפ."

צוועלף אזייגער, ר' חיים זעצט זיך אריין אין וואגן און לאזט זיך ארויס אין וועג. שוין זייענדיג כמעט אינדרויסן פון שטאט הערט ער פלוצלינג קולות. "ר' חיים! ר' חיים!" ער דרייט זיך ארויס, ס'איז ווידער ר' משה. "ס'איז די לעצטע מינוט," זאגט ער, "איך וויל פילן איך האב געטון וואס איך האב געקענט אז דאס זאל אנקומען. ממש די ערשטע זאך, איך בעט אייך טראגט עס אפ, ס'איז פיקוח נפש!" ר' חיים פארזיכערט אים אז ער וועט אויספירן דאס שליחות בשלימות און ער לאזט זיך ארויס פון שטאט.

דער וועג האט גענומען לאנג, ס'איז געווען א שווערער טלטול הדרך, ענדליך נאך לאנגע טעג האט זיך געזען פעטערבורג פונדערווייטנס. ר' חיים קומט אן אין שטאט, און דא זעט ער פאר זיך א טומל און א רעש, מענטשן לויפן אהין און אהער מיט גרויסע עמערס. "א פייער! ס'ברענט א פייער!" אמאל ווען ס'איז געווען א פייער איז די גאנצע שטאט געווען אין א סכנה. ר' חיים איז געכאפט געווארן אין דער בהלה, ער וויל אנהייבן לויפן מיט אלע מענטשן. אבער מיטאמאל דערמאנט ער זיך: ר' חיים! די ערשטע זאך אפטראגן די מעדיצין. ס'איז וויכטיג, פיקוח נפש! ער זוכט שנעל אויף דעם אדרעס, ער פארט אהין מיט דער מעדיצין און גיבט דאס איבער.

לאמיר זיך אפשטעלן א מינוט און טראכטן וואס דא האט פאסירט. ר' משה האט געהאלטן נאך א לאנגן, אפמוטשענדן וועג, ער קומט אן אין שטאט און ס'איז טוט זיך א בהלה און א פייער. ווי אזוי האט ער געהאט דעם קאפ אויפ'ן פלאץ צו געדענקען אז ער דארף יעצט אפטראגן א פעקל? דאס האט איין תירוץ: ווייל ר' חיים האט גע'חזר'ט און גע'חזר'ט מיט אים אומאויפהערליך די וויכטיגקייט פון דעם שליחות. ס'איז אים אזוי געלעגן אין קאפ, אז ווען ס'איז געקומען למעשה האט עס אים אויפגעבליצט אין געדאנק, טראץ דער גאנצער בהלה און צעמישעניש.

האט דער מאנטשעסטער ראש ישיבה אויסגעפירט: בשעת א מענטש האט א נסיון איז א בהלה, ס'ברענט א פייער, ס'איז א צעמישעניש. אז מ'זאל דעמאלט ארייננטראכטן וואס איז די ריכטיגע בחירה איז זייער שווער. דעריבער איז די עצה אז מ'זאל טראכטן דערוועגן פון פריער נאכאמאל און

**בשעת א מענטש האט א נסיון איז א בהלה, ס'ברענט א פייער, ס'איז א צעמישעניש. אז מ'זאל דעמאלט ארייננטראכטן וואס איז די ריכטיגע בחירה איז זייער שווער. דעריבער איז די עצה אז מ'זאל טראכטן דערוועגן פון פריער נאכאמאל און נאכאמאל, חזר'ן און חזר'ן מאמרי חז"ל ווי וויכטיג ס'איז צו היטן די אויגן, די סכנה אויב מ'קוקט חלילה, און ווי די גאנצע קדושה ליגט אין די אויגן.**

נאכאמאל, חזר'ן און חזר'ן מאמרי חז"ל ווי וויכטיג ס'איז צו היטן די אויגן, די סכנה אויב מ'קוקט חלילה, און ווי די גאנצע קדושה ליגט אין די אויגן. און אז מ'חזר'ט זיך ווען די סכנה איז נאכנישט דא, דעמאלט ווען ס'קומט למעשה, ס'ברענט א פייער, ס'איז א צעמישעניש, האט מען ר' חיים אין קאפ. מ'געדענקט אז ס'איז וויכטיג, זייער וויכטיג.

## מ'זאל זוכה זיין צו זען

איך האב געהערט אמאל פון **הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א**, די גמרא (ע"ז יט,א) איז מדייק אז קודם שטייט אין פסוק בְּ**תוֹרַת ה'** חֶפְצוֹ, און נאכדעם שטייט וּבְ**תוֹרָתוֹ** יֶהְגֶּה יוֹמָם וָלָיְלָה - אין זיין אייגענער תורה. האט ער געטייטשט, **תּוֹרַת ה'** איז כל התורה כולה; **תּוֹרָתוֹ** דאס איז יעדער מענטש זיין תורה, זיינע אייגענע נסיונות. די זאכן וואו ס'איז זיין אייגענע תורה, דארט וואו ער זעט אז ער האט אסאך נסיונות, דארט דארף זיין וּבְתוֹרָתוֹ יֶהְגֶּה יוֹמָם וָלָיְלָה. די זאכן דארף ער חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל די יסודות כסדר. ווען ער באגעגנט א מאמר חז"ל וואס רעדט צו אים, זאל ער דאס מיטנעמען מיט זיך און עס חזר'ן יעדעס מאל וואס ער גייט ארויס אין גאס אדער צו א מקום נסיון.

און ס'מוז נישט זיין דווקא בשעת'ן לערנען מוסר. ס'קען אויך זיין ביי שמונה עשרה דריי מאל א טאג ווען מ'זאגט **וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים**, געדענקט מען, אוי, איך דארף האבן אויגן איך זאל קענען זען, איך זאל זוכה זיין צו קוקן בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים! אויף דעם זאגט רבי מנשיא בר בריה דרבי יהושע בן לוי (מסכת דרך ארץ רבה א'), **כָּל הָרוֹאֶה דְּבַר עֶרְוָה וְאֵינוֹ זָן אֶת עֵינָיו מִמֶּנּוּ, זוֹכֶה וּמְקַבֵּל פְּנֵי הַשְּׁכִינָה, שֶׁנֶּאֱמַר** (ישעיה לג,טו) "**וְעֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע...מֶלֶךְ בְּיָפְיוֹ תֶּחֱזֶינָה עֵינֶיךָ.**" ("יעדער וואס ס'קומט אים אונטער א דבר ערווה און ער קוקט נישט דערויף, וועט זוכה זיין מקבל צו זיין פני השכינה, אזוי ווי דער פסוק זאגט, 'ער מאכט צו זיינע אויגן צו זען שלעכטס...זיינע אויגן וועלן זען די שיינקייט פונעם קעניג.'")

האבן מיר דאך די קלארע עצה ווי אזוי מ'איז זוכה צו ותחזינה עינינו - דורך עֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע. יעדעס מאל מ'זאגט ותחזינה עינינו, מאכט מען זיך א קורצע חזרה, און מ'בעט א תפילה, איך בעט דיר, רבונו של עולם, איך זאל האבן אויגן, איך זאל זיין ווערד צו קענען זען. אז מ'חזר'ט און מ'גרייט זיך שלא בשעת הנסיון, דעמאלט קומט עס פון זיך אליין ארויף אין קאפ בשעת דעם נסיון. מ'געדענקט: ר' חיים! ס'איז זייער וויכטיג!

## ברוך הבא פאר'ן נסיון

נאך א נקודה וואס מ'דארף קלארשטעלן, אויך שלא בשעת נסיון, איז דער קלארער בליק אז ס'גייען זיין נסיונות. לאמיר זיך נישט נארן. און נישט נאר ס'גייען זיין נסיונות, ס'מוזן זיין נסיונות - דאס איז דער תכלית הבריאה. אינעם דערמאנטן מאמר חז"ל איז דאס לשון, כָּל הָרוֹאֶה דְּבַר עֶרְוָה וְאֵינוֹ זָן אֶת עֵינָיו מִמֶּנּוּ, ד"ה אז ער האט געזען און ער איז זיך מתגבר נישט צו קוקן ווייטער. חז"ל רעדן פון א פאל אז ס'איז דא דער נסיון פון רוֹאֶה דְּבַר עֶרְוָה. דאס האבן חז"ל פארשטאנען אינעם פסוק וְעֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע, אז ער מאכט צו די אויגן פון א נסיון וואס איז דא פארנט פון אים.

מ'דארף בויען דעם פאזיטיוון בליק אז נסיונות איז א זאך וואס מוז זיין. ס'איז נישט קיין דורכפאל, די אבות הקדושים האבן אויך געהאט נסיונות.

# קילורין לעינים

הרה"ג המשפיע
רבי **בערל גורעלניק** שליט"א

‹‹‹

אזוי ווי ווען מ'ברענגט אריין א קינד צום ברית מילה, וועט קיינער נישט טראכטן, אוי, רבונו של עולם, ברענג מיר נישט אריין דא קיין ערלים! פארקערט, מ'זאגט בָּרוּךְ הַנִּמּוֹל לִשְׁמוֹנָה. דאס איז די צייט דערצו, דער תכלית פון דער מצוה איז דאס, מ'זאל נעמען דאס קליין קינד וואס איז אן ערל און אים מל זיין. אזוי דארף מען קוקן אויף נסיונות ־ בָּרוּךְ הָעוֹצֵם עֵינָיו. בשעת ווען ס'איז דא א תאווה צו קוקן, דעמאלט בויט מען זיך, דאס איז די געלעגנהייט זיך צו בויען, ווען די ערלת הלב ציט אויף פארקערט. ס'איז נישט אונזער שולד, אזוי זענען מיר באשאפן געווארן, דאס ברענגט אונז צו אונזער תכלית און בויט אויף אונזערע כוחות הנפש.

אין איינער פון די ישיבות פאר בעלי תשובה אין ארץ ישראל איז אמאל אריינגעקומען איינער א ריז מיט צעלאזענע האר, א גאנצע גבור'ישע געשטעל, און געזאגט אז ער וויל ווערן א בעל תשובה. ס'האט עפעס נישט געשטימט מיט זיין גאנצן אויסזען. האט מען אים געפרעגט, "וואס האט דיר געברענגט צו ווערן א בעל תשובה?"

האט יענער פארציילט אזוי: "איך פאררוף מיך אלס א גרויסער גבור. אלע ווייסן אז איך בין א גבור. איך בין געווען לעצטנס אין תל אביב אין זייער אן אויסגעלאסענעם פלאץ, ס'איז געווען דארט אסאך אויסגעלאסנקייט, אסאך זאכן וואס ציען דאס אויג. מיטאמאל באמערק איך א יונג בחור'ל פון פערצן יאר, און איך זע ווי ער גייט מיט די אויגן אראפ. איך האב אים מקנא געווען! קוק אָן, ער איז אזויפיל שטערקער פון מיר! איך האב געמיינט אז איך בין א גבור, אבער ער איז אזויפיל שטערקער פון מיר, איך קען נישט באווייזן אזא גבורה! דאס האט מיר געטריבן אז איך מוז גיין ווערן א בעל תשובה."

פון וואו איז דער בחור געווארן אזוי שטארק? ער איז נישט געבוירן שטארק, דאס איז עפעס וואס ער האט אויפגעבויט אין זיך דווקא פון נסיונות. דאס בויט א מענטש צו ווערן שטארק. ממילא דארפן דאך זיין נסיונות. און אז מ'ווייסט דאס פון פריער, האט מען אן אנדערן צוגאנג בשעת דער נסיון קומט אן. מ'איז נישט אזוי פארביטערט פון דעם, נאר פארקערט, מ'זאגט "ברוך הבא" פאר'ן נסיון און מ'באהאנדלט דאס ווי אזוי מ'דארף מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף.

## נישט אריינלאזן די ספיקות

נאך א וויכטיגע נקודה וואו מ'דארף בויען דעם בליק, און די צייט איז אויך דווקא שלא בשעת נסיון, איז די קלארקייט אז מ'קען מנצח זיין, די זיכערקייט אז איך קען.

ס'שטייט פונעם **ווילנער גאון**, דער אויבערשטער האט געזאגט פאר קין, אִם לֹא תֵיטִיב לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ. זאגט דער ווילנער גאון, דער יצר הרע זיצט ביי דער טיר און וויל אריינקומען, אבער ער קען זיך אריינבאקומען נאר אויב דער מענטש אליין עפנט אים די טיר. וואס עפנט די טיר? זאגט דער ווילנער גאון אז דאס זענען די ספיקות וואס א מענטש האט ־ קען איך מנצח זיין אדער נישט? דאס איז דאס טירעלע וואס לאזט אריין דעם יצר הרע ער זאל קענען אריינקומען און מכשיל זיין דעם מענטש.

> **"מיטאמאל באמערק איך א יונג בחור'ל פון פערצן יאר, און איך זע ווי ער גייט מיט די אויגן אראפ. איך האב אים מקנא געווען! קוק אָן, ער איז אזויפיל שטערקער פון מיר! איך האב געמיינט אז איך בין א גבור, אבער ער איז אזויפיל שטערקער פון מיר, איך קען נישט באווייזן אזא גבורה! דאס האט מיר געטריבן אז איך מוז גיין ווערן א בעל תשובה."**

דארף מען בויען א קלארקייט, ניין, ס'איז נישט אמת. ס'איז דא סייעתא דשמיא, דער אויבערשטער גיבט כוחות הנפש! מ'טאר נישט צולאזן בכלל דעם גאנצן ספיקות'דיגן מצב פון "איך האף איך גיי קענעןביישטיין". דער אויבערשטער ברענגט נישט קיין נסיונות וואס דער מענטש קען נישט באווייזן, און מ'דארף האבן די זיכערקייט מיט זיך.

ס'שטייט א סגולה פונעם הייליגן בעל שם טוב צו פארטרייבן אלע קליפות ביינאכט, מ'זאל זאגן איידער'ן גיין שלאפן די מימרא הַוַּדַּאי שְׁמוֹ כֵּן תְּהִלָּתוֹ. דאס איז א שטארקער יסוד אין עבודת ה'. מ'דארף האבן די זיכערקייט מיט זיך, די קלארקייט, וויסן מיט א וודאות אז מ'קען מנצח זיין. און דאס גיבט בעז"ה די כוחות מ'זאל נישט ווערן צעטומלט פון דעם יצר הרע.

## לסיכום: פאר דעם נסיון

האבן מיר אויסגעשמועסט דריי נקודות, וואס אלע זענען שלא בשעת נסיון. ווי דער שואל ברענגט טאקע ארויס אז בשעת נסיון איז די צייט נישט אזוי געאייגנט, ווייל דעמאלט איז דער שכל נישט אזוי שטארק. אבער שלא בשעת נסיון דארף מען זיין קלאר ביי זיך: 1) צו בויען די וויכטיגקייט פון שמירת עינים, ווי וויכטיג ס'איז צו האלטן הייליג די אויגן, און די סכנה ווען ס'איז פארקערט ח"ו. 2) צו האבן די הכרה אז נסיונות איז א זאך וואס מ'מוז האבן, אלע צדיקים האבן געהאט נסיונות, און דווקא דורכדעם איז מען זוכה צו ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים. 3) צו וויסן מיט א זיכערקייט, יא, איך קען מנצח זיין! דער גאנצער טומל איז נישט אמת, ס'איז א שקר פונעם יצר הרע.

און אז א מענטש בויט אויף דעם ריכטיגן קלארן בליק שלא בשעת נסיון, דעמאלט ווען ס'קומט בשעת נסיון וועט בעזרת השי"ת נישט זיין דאס טירעלע פאר'ן יצר הרע אריינצוקומען, נישט די זויערקייט צו ווערן צעבראכן פון דעם נסיון, און מ'וועט געדענקען אין קאפ: ר' חיים! ס'איז וויכטיג, ס'איז פיקוח נפש!

דאס איז איין לימוד, זיך צוצוגרייטן שלא בשעת נסיון.

---

צוליב דעם וואס די תשובה פון הרה"ג ר' בערל שליט"א איז זייער לאנג, מיט אסאך עצות ברייט אויסגעשמועסט, וועלן מיר לייגן בעז"ה דעם צווייטן חלק אינעם קומענדיגן גליון.

הערט טעגליכע חיזוק
אויף שמירת עינים,
אויפ'ן וועלט בארימטן
"עינים-האטליין"
718.977.5554
ארץ ישראל: 079-704-0023
עינים
מיינע טייערע אויגן | מיין אייביגער עתיד

טהור עינים
צו איבער לאזן א שאלה פארן **קילורין לעינים רובריק** וואו עס וועט אי"ה ווערן אויסגעשמועסט דורך וועלט בארימטע משפיעים רופט
845.999.4114 #1-2

## שֶׁעָשָׂה נִסִּים... בַּיָּמִים הָהֵם בַּזְּמַן הַזֶּה

# א בעיבי מיט געזונטע אויגן

**ס'איז** שוין אריבער קרוב צו עלף יאר זינט די מעשה האט פאסירט, אבער ס'ליגט מיך נאך גוט אין די ביינער.

אין ראם פון מיין ארבעט קומט מיר אויס אפט זיך צו דארפן באזוכן אין שפיטעלער. געווען איז עס איין טאג ווען איך בין אנגעקומען אין מעמאָריאַל שפיטאל אין מאנהעטן, און איך בין אריין אינעם אפטיילונג וואו ס'געפינען זיך די פאציענטן וואס ליידן נעבעך פון דער ביטערער מעשה רח"ל. גייענדיג אזוי צווישן די צימערן האב איך מיטאמאל געזען ווי מ'וויגט איין א ניי-געבוירן קינד.

דאס איז געווען דאס ערשטע מאל איך זע אזא קליין קינד אין דעם שרעקעדיגן אפטיילונג פונעם שפיטאל.

מיין הארץ האט א צאפל געטון. איך ווייס נישט פארוואס, אבער עפעס אינעווייניג האט מיר געזאגט אז דאס איז א אידיש קינד. איך האב געקוקט מיט רחמנות'דיגע בליקן אויפ'ן פיצל קינד וואס געפינט זיך דא אנשטאט אינעם פרייליכן אפטיילונג פונעם שפיטאל. איך האב געטראכט פון די טאטע-מאמע, וואס זייער שמחה פון אראפברענגען א נייע נשמה אויף דער וועלט איז פארטונקלט מיט דער שרעקליכסטער בשורה וואס עלטערן קענען הערן פונעם דאקטער.

נאכ'ן שטיין דארט עטליכע מינוט איז אנגעקומען דער טאטע פונעם בעיבי. איך האב מיך נישט גענארט, ס'האט זיך געהאנדלט פון א היימישער איד. דער יונגערמאן איז געווען צעטראגן און ממש נישט ביי זיך, איך האב אים גארנישט געדארפט פרעגן ווייל זיין פנים האט שוין אלעס פארציילט, מ'האט אנגעזען אויף אים אז ער איז זייער צומישט און שטארק צובראכן ווי מ'קען זיך אליין פארשטעלן. איך האב נישט געוואוסט וואס איך מעג אים יא אדער נישט זאגן, אבער איך האב געוואוסט אז ער נויטיגט זיך אין הויפנס חיזוק. איך בין צוגעגאנגען צו אים און באגריסט אין א פרואוו צו הערן פון אים עפעס מער.

מיט א געשטיקט קול פארציילט מיר דער פאר'צער'טער טאטע אז זיין מיידעלע איז נארוואס אראפגעקומען אויף דער וועלט, און זי איז געבוירן מיט דער ביטערער מעשה אויף ביידע אויגן ל"ע. דער מצב קוקט נישט אויס גוט. די דאקטוירים זאגן אז איין אויג וועט מען זיכער מוזן אוועקשניידן, און דאס צווייטע איז נאך מוטל בספק.

"אנשטאט זיין פארנומען אנצוגרייטן א קידוש און ארומגיין אפנעמען מזל טוב'ס," האט ער געזאגט, "בין איך פארנומען מיט טעסטן וואס וועלן באשליסן אויב מיין טאכטער וועט בכלל קענען אמאל זען די וועלט. דער דאקטער וואס האט מיר דערציילט די שווערע בשורה האט נאך צוגעלייגט זיין "טרייסט" צו מיר און מיין בני בית אז אסאך מענטשן גייען ארום אויף דער גאס מיט א שטעקן (בלינד ל"ע)..."

מיר קענען זיך נישט פארשטעלן ווי אזוי א טאטע אין אזא מצב שפירט. דער יונגערמאן אבער האט גערעדט מיט א שטארקער אמונה און בטחון, האפנדיג צום טאטן אין הימל אויפ'ן בעסטן.

אזוי רעדנדיג מיט אים דערציילט ער מיר בתוך הדברים, אז ער האט זיך פארגענומען א שטארקע קבלה אין שמירת עינים, פאר א זכות אז זיין קינד זאל כאטש האבן איין אויג.

איך בין ממש נתפעל געווארן ווי אין אזא שווערן מצב, האט ער דעם קאפ אויפן פלאץ זיך פארצונעמען מיט אזא גבורת  הנפש א קבלה אין שמירת עינים.

איך דריי מיך אפט אין שפיטאל און איך ווייס גאנץ גוט אז מ'דארף האבן שטארקע כוחות צו היטן די אויגן צווישן אלע פאציענטן און זייערע באזוכער, נורסעס און דאקטוירים, עס איז נישט פון די לייכטע זאכן, און דא אנשטאט ער זאל ווערן פארלוירן און צוקלאפט און לאזן לויפן די אויגן מאכט ער א שטארקע קבלה אין שמירת עינים.




"אנשטאט זיין פארנומען אנצוגרייטן א קידוש און ארומגיין אפנעמען מזל טוב'ס," האט ער געזאגט, "בין איך פארנומען מיט טעסטן וואס וועלן באשליסן אויב מיין טאכטער וועט בכלל קענען אמאל זען די וועלט. דער דאקטער וואס האט מיר דערציילט די שווערע בשורה האט נאך צוגעלייגט זיין "טרייסט" צו מיר און מיין בני בית אז אסאך מענטשן גייען ארום אויף דער גאס מיט א שטעקן (בלינד ל"ע)..."

בקיצור, איך האב מיך געזעגנט פון דעם יונגערמאן מיט מיינע ווארעמסטע ברכות. איך האב אים נישט געקענט פון פריער און אויך ווייטער האב איך גארנישט געהערט פון אים.

מיט עטליכע חדשים שפעטער איז מיר איין טאג ארויפגעשוואומען די מעשה אין מעמאָריעל שפיטאל, און איך האב מיך נאכגעפרעגט איבער יענעם יונגערמאן און וואס ס'איז געווארן מיט זיין טאכטער.

צו מיין איבערראשונג האב איך געהערט אז מ'האט אין דער ענדע נישט געדארפט שניידן און איר אויג איז געבליבן אומבארירט. ניין, נישט דאס צווייטע, נאר ביידע אויגן! מ'האט ב"ה מצליח געווען צו היילן ביידע אויגן און זי איז אהיים פון שפיטאל מיט צוויי זעעדיגע אויגן!

*

הערת המערכת: נאך וואס ס'איז אריינגעקומען צום מערכת די שטוינענדע געשיכטע מיט'ן נאמען פון דעם בעל במעשה, האבן מיר זיך פארבונדן מיט דער טאטע פון דעם טאכטער, צו הערן פון אים די מעשה ערשטהאנטיג. דער איד האט באשטעטיגט אז אלע פרטים זענען אמת, צולייגנדיג: "איך האב מיך פארגענומען א שטארקע קבלה צו היטן מיינע אויגן, פשוט שמירת עינים אָן קיין חכמות, און דער רבש"ע האט מיר צוריקגעצאלט אזא אומגעראכטענע ישועה!"

עצות

החכם עיניו בראשו

## דער פרייז פאר א גאס אין אמעריקע

הגה"צ המשפיע רבי אלימלך בידערמאן שליט"א דערציילט א מורא'דיגע מעשה, וואס מיר זעען דערפון אז א מענטש דארף וויסן אפצושאצן דאס חשיבות פון זיין עבודה אין שמירת עינים און וויפיל ער פארדינט דערפון, און דורכדעם וועט ער קענען בייקומען אפילו די שווערסטע נסיונות.

ס'איז געווען א איד וואס איז אים אויסגעקומען צו זיין אין שפיטאל, און ער האט געטראפן דארט אן אלטן עלנדן מענטש וואס האט שוין געהאלטן אין זיינע לעצטע טעג. דער איד איז אריין צו אים און אים געפרעגט אויב ער וויל זאגן מיט אים ווידוי. יענער האט אבער געענטפערט אז ס'פעלט נישט אויס. אויפ'ן וואונדער פון דעם איד האט דער אלטער פארציילט אזוי:

"איך בין אויפגעוואקסן אין אייראפע פאר'ן קריג. איך האב געהאט א ווייב מיט עטליכע קינדער, אבער זיי זענען אלע אומגעברענגט געווארן דורך די נאציס ימ"ש. נאכ'ן קריג בין איך געקומען קיין אמעריקע איינער אליין, וואו איך האב מיך געשטארקט און נאכאמאל אויפגעשטעלט א שטוב פונדאסניי. איך האב געבוירן עטליכע קינדער, אבער ליידער האב איך נישט דערלעבט פון זיי קיין נחת, זיי האבן אלע אפגעלאזט דעם אידישן וועג ל"ע.

"איך האב מיך געטראפן צום צווייטן מאל איינער אליין אין דער טריפה'נער אמעריקע. און דא האט מיר דער יצר הרע אנגעהויבן שיקן שווערע נסיונות מיט שמירת עינים יעדעס מאל איך בין געגאנגען אין גאס.

"איך האב שוין אלעס געהאט פארלוירן, אבער אויף נשמה האב איך נישט געוואלט אויפגעבן. בין איך געפאלן אויף א המצאה אז יעדע גאס וועט באקומען א פרייז, צב"ש הונדערט דאלאר אדער טויזנט דאלאר, געוואנדן ווי שווער ס'איז צו היטן די אויגן אויף יענער גאס. יעדע נאכט האב איך מיך אוועקגעזעצט, אפגעשריבן אלע גאסן וואו איך האב היינט געהאט שמירת עינים, און געמאכט א חשבון וויפיל געלט איך האב 'פארדינט' דורכ'ן טאג. זינט דעמאלט האב איך צוביסלעך אנגעהויבן שפירן א געוואלדיגע מתיקות און אור ביים דאווענען און ביי אלע מצוות, אלעס דורכ'ן היטן די אויגן כאטש ס'איז נישט געווען לייכט.

"יעצט," האט דער אלטער איד אויפ'ן קראנקן-בעט אויסגעפירט, "גרייט איך מיך צוריקצוגעבן מיין נשמה צום באשעפער נאך מיין שווערן מיטגעמאכטן לעבן. איך בין נישט דערשראקן, ווייל איך ווייס אז די אלע מעשים טובים וועלן מיך באגלייטן צו מיין אייביגן רו."

אויפפאסונגען

עין בעין יראו

## א פרישקייט אין די אויגן

אין די לעצטע וואכן האט דער פאפולערער עינים האטליין, וואס איז איז שוין ברייט באקאנט מיט זיין רייכן אויסוואל פון טעגליכע דרשות און מעשיות אויף שמירת עינים, אויפגעפרישט דעם מעשיות אפטיילונג פון זייער האטליין, דורכ'ן איינטיילן די טעג פון וואך מיט באזונדערע בעלי מספרים. יעדן טאג קען מען הערן א מעשה דורך א צווייטן בעל מספר, לויט'ן פאלגנדן סדר:

זונטאג - הר"ר אהרן ארי' אייזענבערג שליט"א
מאנטאג - הר"ר מתתי' גרין שליט"א
דינסטאג - הר"ר פישל שעכטער שליט"א
מיטוואך - הר"ר ישעי' סאקס שליט"א
דאנערשטאג - הר"ר טובי' לייב שטערן שליט"א
פרייטאג - הר"ר אהרן ארי' אייזענבערג שליט"א

צו הערן די מעשיות, אזוי אויך א רייכן אוצר פון דרשות און חיזוק אויף שמירת עינים און עצות איבערצוקומען די נסיונות, רופט **"עינים"**: **718-977-5554**

אידישע גבורה

מי כעמך ישראל

## בכל מאודיך

איך האב לעצטנס געליינט די מעשה פון יענעם יונגערמאן וואס האט אויפגעגעבן אסאך צוליב שמירת עינים זייענדיג אין טשיינע, און דאס האט מיר געגעבן אסאך חיזוק. איך ארבעט אלס בראָקער, וואו מיין דזשאב איז זיך צו טרעפן מיט מענטשן. איך האב מיך אונטערגענומען בלי נדר אז ווען איך ווייס אז דער פאטענציעלער קליענט איז א פרוי פרוביר איך אויסצומיידן איך זאל נישט דארפן גיין. געלויבט דעם באשעפער דאס האלט שוין אן פאר א יאר צייט, און איך זע נישט קיין פארלוסט צוליב דעם.


טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

**845.999.4114**

נאכן דריקן 1 פאר אידיש

1 נדבה ליין
2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3 הפצה אפטיילונג
4 אויפסיינען אויף אימעיל
9 מערכת אפטיילונג

7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org

המערכת בארץ ישראל **077.401.6591**

**כתובת המערכת:** עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528

**"טהור עינים" זוכט געטרייע אידן וואס זענען גרייט אפצושרייבן מעסעדזשעס וואס פליסן אריין צום מערכת.**
אויב זענט איר גרייט ארויסצוהעלפן, אדער אויב ווילט איר העלפן מיט'ן פארשרפייטן די גליונות, רופט אריין
**845.999.4114 #1-9**




## על הטוב יזכר

**זכות עמוד בגליון**

מוה"ר **שמעון ווייס** הי"ו
לע"נ אביו הרה"ח ר' **בנימין חיים זאב** ב"ר **משה** ע"ה

**זכות 3000 גליונות**

**לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה בכל ענינים

**זכות 1000 גליונות**

הרה"ח **וואלף איינהארן** הי"ו
הרה"ח **חיים יודא גאלדשטיין** הי"ו
הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו
מוה"ר **חיים הערשקאוויטש** הי"ו
מוה"ר **אהרן משה פריעד** הי"ו
**לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה בכל ענינים

**שותפי טהור עינים**
נדבנים חדשים מידי חודש בחדשו

מוה"ר **יואל גאלדבערגער** הי"ו
מוה"ר **יצחק ראטה** הי"ו,